בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש



פרשת וארא
כח טבת
מברכים חודש שבט
שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 4, גליון 9
(96)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייֶע מַעֲשֶׂה אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', דִי לֶעצְטֶע מַעֲשֶׂה, מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.

## דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דִי מַעֲשֶׂה:

אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן. ווִי אַזוֹי מֶע אִיז אַמָאל פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען.

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיהַאט אַ מֶלֶךְ, דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֵּן יָחִיד, הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיוָואלְט אָפְּגִיבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בְּחַיָיו (דְהַיְינוּ פַאר זַיין לֶעבְּן) הָאט עֶר גִימַאכְט אַ גְרוֹיסְן בַּאל.

אַ בַּאל אִיז אַ 'סְעוּדָה' אִין אִידִישׁ. [עֶס אִיז דָא אִידִישֶׁע וֶוערְטֶער וָואס מֶען נִיצְט שׁוֹין נִישְׁט הַיינְט צוּטָאגְס, מֶען זָאגְט עֶס בְּלָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ. הַיינְט נִיצְט מֶען אִין אִידִישׁ דָאס וָוארְט 'בַּאל' וֶוען מֶען כַאפְּט אַ קְלַאפּ אִין קָאפּ...]

אוּן וֶוען דֶער מֶלֶךְ מַאכְט אַ בַּאל אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר פְרֵילֶעךְ. בִּפְרָט הַיינְט, וָואס עֶר הָאט אָפְּגִיגִיבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בַּאם לֶעבְּן. אִיז אַ וַודַאי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן אַלֶע דוּכְּסִים אוּן אַלֶע שְׂרָרוֹת. אוּן מֶע אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל. אוּן דִי מְדִינָה הָאט אוֹיךְ הֲנָאָה גִיהַאט פוּן דֶעם וָואס דֶער מֶלֶךְ גִיט אָפּ דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בַּאם לֶעבְּן. וָוארְן סֶע אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער כָּבוֹד דֶעם מֶלֶךְ. אוּן סֶע אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ שִׂמְחָה גִיוֶוען. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַלֶערְלֵיי זַאכְן פוּן שִׂמְחָה. קַאפֶּעלְיֶעס אוּן קָאמֶעדְיֶעס אוּן דֶעסְט גְלַייכְן, אוּן אַלְדִינְג וָואס סֶע נִיצְט נָאר צוּ שִׂמְחָה, אִיז אַלְץ דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל.

אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוָוארְן, הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט, אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם זוּן, כַּאֲשֶׁר אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְן זֶעהֶער, זֶע אִיךְ אַז דוּ וֶועסְט אַמָאל אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, בְּכֵן זָאלְסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ זָאלְסְט נִיט הָאבְּן קַיין עַצְבוּת (דְהַיְינוּ קַיין טְרוֹיעֶרִיקַייט) אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, נָאר דוּ זָאלְסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין. אוּן אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין, אַפִילוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן עַצְבוּת, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין, וָואס דוּ בִּיסְט קֵיין מֶלֶךְ נִיט, וָוארְן דוּ קֶערְסְט זִיךְ קֵיין מֶלֶךְ נִיט צוּ זַיין, וָוארְן דוּ בִּיסְט זִיךְ נִיט פְרֵיילֶעךְ. (כְּלוֹמַר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס דוּ קָאנְסְט דִיךְ נִיט דֶערְהַאלְטְן אַז דוּ זָאלְסְט תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ זַיין אַפִילוּ אַז דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, קֶערְסְטוּ נִיט זַיין קֵיין מֶלֶךְ) לוּשְׁמִיר אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין, וֶועל אִיךְ מְשׁוּנֶה פְרֵיילֶעךְ זַיין.

'לוּשְׁמִיר' - מֵיינְט לוֹיטְ'ן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ 'אָבֶּער'.

### דוּ גֵייסְט הָאבְּן אַ נְפִילָה...

דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן, אִיךְ זֶע אַז אֵיינְמָאל וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיס קֶענִיג, בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין טְרוֹיעֶרִיג וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מֶער נִישְׁט קֶענִיג, וַוייל אֵיינֶער וָואס קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן קֶען נִישְׁט זַיין קֶענִיג, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוּן בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, וֶועל אִיךְ גָאר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ זַיין.

מִיט דֶעם שׁוּרָה קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא פַאר יֶעדְן אִיד, דוּ גֵייסְט וֶוערְן קֶענִיג, דוּ גֵייסְט מַצְלִיחַ זַיין, דוּ גֵייסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, זָאלְסְט אָבֶּער ווִיסְן אֵיינְמָאל וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיס קֶענִיג, דוּ גֵייסְט אַרָאפְּפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן צוּ בְּלַייבְּן וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין טְרוֹיעֶרִיג וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מֶער נִישְׁט קֶענִיג, וַוייל אַזַא אֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

'פַארְוָואס וֶוערְסְטוּ צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ?' דוּ מֵיינְסְט אַז צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת? דוּ מֵיינְסְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין נְפִילוֹת?! דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כד, טז): "**כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִיק - וָקָם**", וֶוען דֶער צַדִיק פַאלְט אַרָאפּ שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף, ווִידֶער דֶער רָשָׁע - פִירְט דֶער פָּסוּק אוֹיס (שָׁם): "**וּרְשָׁעִים יִכָּשְׁלוּ בְרָעָה**" - בְּלַייבְּט לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד; דֶער רֶבִּי בֶּעט זִיךְ צוּ דִיר, דוּ גֵייסְט הָאבְּן אַ נְפִילָה, בְּלַייבּ אָבֶּער פְרֵיילִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען, קוּק אוֹיף פָארְאוֹיס.

הָאט דֶער בֵּן מֶלֶךְ אָפְּגִינוּמֶען דִי מְלוּכָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן הָאט גִיהַאט דוּכְּסִים אוּן שָׂרִים אוּן חַיִל. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט חָכְמָה. אוּן סֶע אִיז בַּיי אִיהם גִיוֶוען גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. אוּן וֶוער סֶע אִיז צוּ אִיהם גִיקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס אַ חָכְמָה, אִיז עֶר בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען. אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי גִיבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן עֲשִׁירוּת פַאר דֶער חָכְמָה. וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט גִיוָואלְט הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט, הָאט עֶר אִים גִיגִיבְּן גֶעלְט. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט כָּבוֹד, הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן כָּבוֹד. אַלְץ פַאר דֶער חָכְמָה. אוּן מַחְמַת סֶע אִיז בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען חָכְמָה. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע גִינוּמֶען צוּ חָכְמָה, אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט עוֹסֵק גִיוֶוען אִין חָכְמוֹת. וָוארְן דֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט. כְּדֵי עֶר זָאל נֶעמֶען גֶעלְט דֶערְפַאר. אוּן דֶער הָאט גִיוָואלְט חֲשִׁיבוּת אוּן כָּבוֹד. אוּן מַחְמַת זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי דָארְט אִין דֶער מְדִינָה פַארְגֶעסְן תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה (כְּלוֹמַר

ווִי אַזוֹי אַ מִלְחָמָה צוּ פִירְן) וָוארְן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת. בִּיז דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה. אִיז גִיוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה. אוּן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען גִיוֶוען זֵייעֶר ווִילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. וּמַחְמַת דִי חָכְמוֹת, זֶענֶען דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה אַרַיין גִיפַאלְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין. אוּן הָאבְּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוֹיךְ אַרַיין גִיצוֹיגְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין. לוּשְׁמִיר דֶעם פְּרָאסְטְן עוֹלָם הָאט דָאס נִיט גִישַׁאט, זֵיי זֶענֶען נִיט אַרַיין גִיפַאלְן אִין דֶעם אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין. וָוארְן סֶע גִיוֶוען אַ גְרוֹיס טִיפְקַייט אִין זֵייעֶר חָכְמָה פוּן דִי חֲכָמִים. הָאט דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם נִיט גִיקָאנְט אַרַיין גֵיין אִין זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶס זֵיי נִיט גִישַׁאט. נָאר דִי חֲכָמִים אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ זֶענֶען אַפִּיקוֹרְסִים גִיוָוארְן.

### פְּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם מְדִינָה זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיסֶער דִי פְּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן, וַוייל ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט תְּמִימוּת, עֶר אִיז נִישְׁט קֵיין חָכָם אוּן אַן אוֹיבֶּער חָכָם, וֶועט עֶר בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן נִיצְן זַיין שֵׂכֶל, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ וֶועלְן אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין וְכוּ׳ קֶען עֶר חַס וְשָׁלוֹם אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ מַחֲמַת סֶע אִיז אִין אִיהם גִיוֶוען טוֹב, וָוארְן עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן מִיט טוֹב.

דֶער בֶּן מֶלֶךְ אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי אַפִּיקוֹרְסוּת הָאט עֶר אָבֶּער גֶעהַאט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, וָואס דָאס הָאט אִים גֶעצוֹיגְן צוּ גוּטְס.

אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גוּטֶע מִדּוֹת.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִדּוֹת שְׁלֶעפְּט דָאס אִים צוּרִיק עֶר זָאל זַיין גוּט.

פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַלֶע מָאל, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. וָואס טוּה אִיךְ. אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן קְרֶעכְץ טָאן, אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן דְרוֹיף. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען, וָואס טַייטְשׁ אִיךְ זָאל פַארְגֵיין אִין אַזוֹינֶע זַאכְן, וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן. לוּשְׁמִיר תֵּיכֶף ווִי בַּאלְד עֶר הָאט אָנְגֶיהוֹיבְּן צוּ נִיצְן מִיט זַיין שֵׂכֶל, אִיז ווִידֶער בַּיי אִיהם שְׁטַארְק גִיוָוארְן דִי חָכְמוֹת פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען כַּמָּה פְּעָמִים, וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלֶץ צוּ דֶערְמַאנֶען וואוּ אִיז עֶר אִין דֶער וֶועלְט, וָואס טוּט עֶר וְכוּ׳ כַּנַ"ל. אוּן פְלֶעגְט קְרֶעכְצְן אוּן זִיפְצְן. נָאר תֵּיכֶף ווִי עֶר הָאט אָנְגֶיהוֹיבִּין צוּ נִיצְן מִיט דֶעם שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִיהם ווִידֶער שְׁטַארְק גִיוָוארְן דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת כַּנַ"ל.

### אַ מִלְחָמָה אַהִין אוּן צוּרִיק

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם חֵלֶק מַעֲשֶׂה, דָא הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ חֵלֶק מַעֲשֶׂה, רַבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (בַּיים עֶנְדֶע פוּן דִי מַעֲשֶׂה): **"דֶעם אוֹיסְפִיר פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ דֶערְפוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, אוּן מֶען וֶועט דָאס שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן".**

וָואס נֶעמֶען מִיר אַרוֹיס פוּן דֶעם שְׁטִיקֶל סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת? דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין אַ מִלְחָמָה מִיט׳ן יֵצֶר הָרָע, דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ ׳אִיךְ גֵיי וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד׳, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁלֶעפְּט אִים צוּרִיק צוּ אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, דֶער מִלְחָמָה גֵייט אַהִין אוּן צוּרִיק נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן מֶען גֶעווִינְט דִי מִלְחָמָה.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם מִלְחָמָה מִיט׳ן יֵצֶר הָרָע; וֶוען דוּ דֶערְמַאנְסְט זִיךְ וואוּ דוּ הָאלְסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, גֶעבּ אַ קְרֶעכְץ, גֶעבּ אַ זִיפְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן?"** אוּן אַז דוּ בִּיסְט וַוייטֶער אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת גֶעבּ נָאכְאַמָאל אַ קְרֶעכְץ אוּן אַ זִיפְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג נָאכְאַמָאל פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן?"** אוּן אַז דוּ פַאלְסְט וַוייטֶער אַרָאפּ, דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, דוּ הָאסְט וַוייטֶער גֶעקוּקְט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, שְׁרֵיי נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן?"** מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט אַז מֶען פַאלְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וַוייל אַזוֹי גֵייט דֶער מִלְחָמָה אַהִין אוּן צוּרִיק.

### עֶס זָאל דִיר פַּאסְן זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן

אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, ׳וָואס הֵייסְט? עֶס פַּאסְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן...׳ דֶערְהַאלְט זִיךְ! וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס, עֶס זָאל דִיר פַּאסְן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּהֵייבְּן, דָאס אִיז דֶער מִלְחָמָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אִיךְ לָאז שׁוֹין אָפּ, עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט אִיךְ זָאל דָאס דוּרְכְגֵיין׳, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל ׳עֶס זָאל דִיר יָא פַּאסְן זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן׳, גֶעבּ אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבּ אַ זִיפְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן?" "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**, דָאס הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אוּן דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע בְּרֶעסְלֶעבּ׳עֶר חֲסִידוּת, מְחַזֵּק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין.

### אִיר זֶענְט בַּאהָאפְטְן אוּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דִי וָואךְ אִיז דָא אַ מוֹרָא׳דִיגֶע רַשִׁ"י (דְּבָרִים כט, ג), וָואס אִיז זֵייעֶר מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ: רַשִׁ"י זָאגְט: אִינֶעם טָאג וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה פַאר דִי בְּנֵי לֵוִי, זֶענֶען אַלֶע אִידְן גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן גֶעזָאגְט: **"מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי, אוּן מִיר הָאבְּן אוֹיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, פַארְוָואס גֶעבְּסְטוּ דִי תּוֹרָה נָאר פַאר דַיין שֵׁבֶט, דִי בְּנֵי לֵוִי?"** הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייעֶט אוּן גֶעזָאגְט: **"הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם, הַיינְט זֶע אִיךְ ׳שֶׁאַתֶּם דְּבֵקִים וַחֲפֵצִים בַּמָּקוֹם׳, אִיר זֶענְט בַּאהָאפְטְן אוּן נָאנְט צוּם**

**אֵייבֶּערְשְׁטְן**". לְכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, דִי אִידְן הָאבְּן דָאךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעטוֹן פוּן דִי וֶועלְט אוּן גֶעטוּן עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט טַעֲנוֹת, אִיז פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ זֵיי צוּלִיבּ דֶעם צוּ פַארְדִינֶען דֶעם גְרוֹיסְן טִיטְל פוּן: **'דְּבֵקִים וַחֲפֵצִים בַּמָּקוֹם'?**

נָאר, דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, אַ אִיד וָואס קוּקְט אוֹיס וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס, עֶר פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ וואו עֶר פַאלְט אַרָאפּ, אוּן דָאךְ שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ אוּן קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ טַעֲנָה, עֶר בֶּעט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"פַארְוָואס זֶענֶען דָא צַדִּיקִים אוּן אִיךְ בִּין אִינְדְרוֹיסְן, פַארְוָואס בִּין אִיךְ וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה?" "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אוֹיךְ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אוֹיךְ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אוֹיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין צַייט אַזוֹי וִוי אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן"**, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז בַּאהָאפְּטְן אוּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ זֵייעֶר צוּ זֶען וִוי שְׁטַארְק עֶר וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים.

### מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ וֵייס נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוער פוּן דָא עֶס פְּלַאנְט צוּ גֵיין אוּן וֶוער עֶס טְרַאכְט נִישְׁט צוּ גֵיין, מוּז מֶען רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): **"הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**, מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **"וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד"**, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר"**.

[אֵיינֶער הָאט מִיר נֶעכְטְן בַּיים בָּאטֶע גֶעזָאגְט, אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט פוּן רוּסְלַאנְד הָאט הֵיי יָאר גֶעמַאכְט דֶעם גְרֶעסְטְן 'כְּרוּז'... פוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין מִלְחָמָה מִיט אוּקְרֵיינָא אִיז נִישְׁט דָא קֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֲפִילוּ דֶער פַארְשְׁטִיפְּסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז אוֹיךְ גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, דִי גַאנְצֶע נֵייעֶס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם אוּמַאן, 'מֶען פָּארְט יָא קַיין אוּמַאן', 'מֶען פָארְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן', מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן אַיין אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן נִישְׁט אוֹיף קַיין בָּאמְבֶּעס אוּן אוֹיף גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אַבִּי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה].

### בֶּעט אַ תְּפִלַּת שָׁוְא...

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט אֵיינֶעם פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים פְרֶעגְט עֶר יֶענֶעם: **"קוּמְסְט קַיין אוּמַאן?"** [אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן יֶעדְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף דָאס דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער טוּן, אֵיינֶער קֶען רֶעדְן צוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אֵיינֶער קֶען כָאטְשׁ רֶעדְן צוּ זַיין חַבֶר אוּן גוּטֶע פְרֵיינְד], עֶנְטְפֶערְט יֶענֶער: "נֵיין", זָאגְט אִים דֶער אִינְגֶערְמַאן: **"בֶּעט כָאטְשׁ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן"**, עֶנְטְפֶערְט יֶענֶער: **"עֶס אִיז אַ 'תְּפִלַּת שָׁוְא', אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן!..."** זָאגְט אִים דֶער אִינְגֶערְמַאן: **"בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ 'תְּפִלַּת שָׁוְא'..."**

דִי מִשְׁנָה זָאגְט (בְּרָכוֹת נד.) אוֹיבּ מֶען דַאוֶוענְט וֶוען מֶען וַוארְט שׁוֹין אַ קִינְד עֶס זָאל וֶוערְן אַ אִינְגְל אִיז דָאס אַ תְּפִלַּת שָׁוְא, בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל נִישְׁט בֶּעטְן דֶערוֹיף, אִיז אָבֶּער דָא אַ אַנְדֶערֶע פְּשַׁט דֶערוֹיף, אַז דָאס אִיז טַאקֶע אַ 'תְּפִלַּת שָׁוְא' אָבֶּער מֶען קֶען נָאכְאַלְץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, (זֶע אִינֶעם קוּנְטְרֵס 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה', פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אַ לֶענְגֶערְן שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא).

זָאגְט אִים דֶער אִינְגֶערְמַאן: **"זָאג יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל וֶועלְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אוּן אִיךְ זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן'"**, אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער טְרֶעפְן זֵיי זִיךְ נָאכְאַמָאל, זָאגְט יֶענֶער: **"זָאלְסְט וִויסְן, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טִיקֶעט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן!"** אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס מֶען זָאל זֶען אַז מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס מֶען טוּט אוֹיף מִיט אֵיין וָוארְט חִיזּוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוֹיךְ אִיז עֶס חִיזּוּק אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אִיךְ לָאז דִיךְ נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן...

אֲפִילוּ אוֹיבּ דַיין וַוייבּ הָאט דִיר קְלָאר גֶעזָאגְט, **"אוֹיבּ דוּ פָארְסְט קַיין אוּמַאן קוּמְט אַ גֶט"**, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ גֶענוּג וֶועגְן דִיךְ צוּ הֶעלְפְן קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**, דַיין וַוייבּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ תַּלְמִידָה הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אָנְפַאנְג יָאר, אִיר מַאמֶע וִויל אִיר נָאכְנִישְׁט קַיין כַּלָּה מַאכְן, דִי מַאמֶע וֵוייסְט אָבֶּער אַז תְּפִלָּה הֶעלְפְט הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר אִיר טָאכְטֶער: **"אִיךְ לָאז דִיךְ נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט אַ כַּלָּה וֶוערְן"**, פְרֶעגְט זִי מִיר אַ שְׁאֵלָה אוֹיבּ זִי מֶעג יָא

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט זִי זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דִי מַאמֶע דַארְף נִישְׁט וִויסְן אַז זִי בֶּעט, תְּפִלָּה אִיז אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט הֶערְן, מֶען בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אַ כַּלָּה וֶוערְן"**, אוּן יֶעצְט אִיז זִי אַ כַּלָּה...

מִיט 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת' קֶען מֶען גָאר אַסַאךְ פּוֹעֵלְ'ן, זַייט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נִישְׁט נָאר אִיךְ זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן, נָאר מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן מַיין וַוייבְּ'ס מִשְׁפָּחָה - אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. [בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ זֶע יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט נָאךְ מִשְׁפָּחָה וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן; קַיין אוּמַאן דַארְף מֶען זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן צוּ קוּמֶען אִיז דָאס נָאךְ שְׁוֶוער פַאר זֵיי, אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט זֶענֶען זֵיי זִיךְ אַלֶע מְחַיֶּה מִיט דִי חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט בְּלוֹיז מִיטְ'ן 'הֶערְן' דִי שִׁיעוּרִים, נָאר זֵיי 'לֶעבְּן' מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אַז עֶס אִיז אֵיין וָואךְ נִישְׁט דָא קַיין שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן רוּפְן זֵיי שׁוֹין בֶּעטְן אַז זֵיי וַוארְטְן דֶערוֹיף בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם].

מֶען קֶען נִישְׁט וִויסְן וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אַ מֶענְטְשׁ, אֵיינֶעם הָאט דִי וַוייבּ גֶעסְטְרַאשֶׁעט, אֵיינֶעם הָאט דֶער טַאטֶע גֶעסְטְרַאשֶׁעט אוּן אֵיינֶעם הָאט דֶער שְׁוֶוער גֶעסְטְרַאשֶׁעט, **"אוֹיבּ פָּארְסְטוּ קַיין אוּמַאן..."** קֶענְסְט אָבֶּער גֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע קְרֶעכְץ אוּן אַ גְרוֹיסֶע זִיפְץ, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס צוּ זַיין אַ 'תְּפִלַּת שָׁוְא'.

דָאס אִיז 'בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת'; גֶעבּ נָאךְ אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבּ נָאךְ אַ זִיפְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף אַ שִׁידּוּךְ"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף שָׁלוֹם בַּיִת"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל הָאבְּן קִינְדֶער"**, **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל הָאבְּן נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גֵיין צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**, טְרַאכְט נִישְׁט: 'נֶע, דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר מִיר, אִיךְ וֶועל זִיכֶער נִישְׁט אָנְקוּמֶען דֶערְצוּ', - נֵיין! מַאךְ אֵיין תְּפִלָּה אוּן נָאךְ אַ תְּפִלָּה אוּן נָאךְ אַ תְּפִלָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

### זִיבְּן וַואסֶערְן, זִיבְּן נְסִיעוֹת

אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז הֵיי יָאר וֶועלְן מִיר גֵיין זִיבְּן נְסִיעוֹת אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דִי עֶרְשְׁטֶע נְסִיעָה - פוּן שְׁטוּבּ צוּם לוּפְטְפֶעלְד, 2) פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין וַוארְשֶׁע, 3) פוּן וַוארְשֶׁע קַיין רֵיישָׁא, 4) פוּן רֵיישָׁא וֶועט זַיין אַ בָּאס וָואס גֵייט טְרָאגְן קַיין לִיזֶענְסְק, 5) פוּן לִיזֶענְסְק וֶועט זַיין אַ בָּאס וָואס גֵייט טְרָאגְן קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל, צוּם בַּאן סְטַאנְצְיֶע, 6) פוּן פְּשֶׁעמִישְׁל וֶועט מֶען פָארְן מִיטְ'ן בַּאן קַיין וִוינִיצֶע, 7) אוּן פוּן וִוינִיצֶע וֶועט זַיין אַ בָּאס וָואס גֵייט טְרָאגְן קַיין אוּמַאן. זֶעט אוֹיס אַז אָנְצוּקוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן - דַארְף מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין זִיבְּן וַואסֶערְן, זִיבְּן נְסִיעוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּערְגֶער וְעָנִי (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י) אַז דִי בַּת קֵיסָר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעזָאגְט: **"דִי זִיבְּן וַואסֶערְן זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, קֶען נִישְׁט דֶער שִׁידּוּךְ"**; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דִי זִיבְּן וַואסֶערְן וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער בִּקְדוּשָּׁה מִיטְ'ן בֶּערְגִיר, אוּן נִישְׁט וִוי דִי זִיבְּן וַואסֶערְן וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער מִיטְ'ן רוֹצֵחַ.

### פַארְוָואס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעטוֹישְׁט...

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעטוֹישְׁט דֶעם שְׁנִיט פוּן דִי דְרָשׁוֹת אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן, אַמָאל פְלֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְן אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן וַוייל 'וָואס טוּט דֶען נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶס וַוארְט אִים אַ מִשְׁפָּט? עֶר וֶועט אַלֶעס פַארְקוֹיפְן אַבִּי צוּ טְרֶעפְן דֶעם בֶּעסְטְן לוֹיעֶר, דֶעם בֶּעסְטְן שׁוֹפֵט אַרוֹיסְצוּגַיין זַכַּאי בַּדִּין, וָואס טוּט דֶען נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר דַארְף אַ רְפוּאָה? עֶר וָואלְט אַלֶעס פַארְקוֹיפְט צוּ הָאבְּן גֶעלְט צוּ צָאלְן דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער; אַזוֹי אִיז מִיט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען גֵייט אוּנְז אַלֶע מִשְׁפָּטְ'ן, מֶען גֵייט אוּנְז מִשְׁפָּטְ'ן מִי יִחְיֶה, מִי יָמוּת, אִיז דֶער רֶבִּי דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן בֶּעסְטֶער לוֹיעֶר אוּן דָאקְטֶער - מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט יָאר, דֶערְפַאר פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה!' אוּן הַיינְט אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶס מַסְבִּיר אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, אַז 'עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אַז דִי נְשָׁמָה זָאל הָאבְּן מְנוּחָה אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט!' וָואס אִיז פְּשַׁט פוּנֶעם טוֹישְׁן דִי דְרָשׁוֹת צוּ נֵייעֶ וֶוערְטֶער פוּן דִי נְשָׁמָה...

זָאג אִיךְ אִים: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אָן קַיין פַארְוָואס אוּן אָן קַיין פַארְוֶוען, אָן קַיין מָשָׁל אוּן אָן קַיין נִמְשָׁל, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּז קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אִיךְ פְּרוּבִּיר פָּשׁוּט עֶס גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן מִיטְ'ן זָאגְן אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ וַוייל מֶען גֵייט פַארְדִינֶען דֶערְפוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען גֵייט הָאבְּן אַ יָאר מִיט גֶעלְט, קִינְדֶער אוּן נַחַת; אָבֶּער דָאס יָאר הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פַארְיָאר קַיין אוּמַאן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט דֶעם אִיז אִים גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יָאר, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַנְדֶערְשׁ, קוּם כָּאטְשׁ קַיין אוּמַאן וֶועגְן דַיין נְשָׁמָה, בַּאלְד וֶועט מֶען אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן דַיין אוּמַאן וֶועט דִיר גָאר שְׁטַארְק צוּנִיץ קוּמֶען דָארְט. אוּן אַז דָאס וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, וֶועל אִיךְ דַארְפְן נֶעמֶען אַ דְרִיטֶע מָשָׁל... דֶער עִיקָּר אִיז: 'קוּם', וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען זָאל פּוֹעֵלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, אָמֵן.